בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת קדושים (חו"ל) תשע"ז | אבות ב | גליון 358 [שנה ח']

**תוספות שבת**

וְאֶת־שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ: (יט ג) דיווארט תִּשְׁמֹרוּ איז די רָאשֵׁי תֵּבוֹת: תּוֹסֶפֶת שַׁבָּת רְאוּיָה מִלְּפָנֶיהָ וּמֵאַחֲרֶיהָ דאס קומט צו מרמז זיין אויף תוספות שבת –צו לייגן צו דעם שבת– צו מקבל זיין שבת פריערט און אוועקגיין פון דעם שבת שפעטער. [אזוי ווי מען זאגט אין די זמירות ליל שב"ק הַמְאַחֲרִים לָצֵאת מִן הַשַּׁבָּת וּמְמַהֲרִים לָבוֹא, זיי פארשפעטיגן אוועקגיין פון דעם שבת און פאפריען דעם אריינגיין אין שב"ק. המו"ל] (תורת החיד"א)

בְּצֶדֶק תִּשְׁפֹּט עֲמִיתֶךָ: (יט טו) זאגט רש"י אז דער פסוק מיינט הֱוֵי דָן אֶת חֲבֵרְךָ לְכַף זְכוּת. לכאורה פון וואו נעמט דאס רש"י? נאר די ווערטער תִּשְׁפֹּט עֲמִיתֶךָ איז די גימטריא פון הֱוֵי דָן אֶת כָּל חֲבֵרְךָ לְכַף זְכוּת. (מגדנות)

**הוי דן את חבירך לכף זכות**

בְּצֶדֶק תִּשְׁפֹּט עֲמִיתֶךָ: לֹא־תֵלֵךְ רָכִיל בְּעַמֶּיךָ: (י"ט ט"ו ט"ז) צו פארשטיין די סמיכות פון ביידע פסוקים. נאר רש"י זאגט בְּצֶדֶק תִּשְׁפֹּט עֲמִיתֶךָ: הֱוֵי דָן אֶת חֲבֵרְךָ לְכַף זְכוּת, און אין דעם גדר פון דַן לְכַף זְכוּת זעט מען אין הייליגן ספר תפארת שלמה וואס ברענגט פון הייליגן בארדיטשובער דער סניגורן של ישראל דעם בעל קדושת לוי וואס האט שטענדיג מלמד זכות געווען און געזאגט ווי הייליג זענען כלל ישראל, און ער האט קיינמאל נישט געזען קיין שום חסרון און שלעכט'ס אויף כלל ישראל, און דאס זעלבע האט מען געזען ביי הצדיק ר' פישל מסטריקוב זצוק"ל וואס האט נישט געקענט גלויבן אז א איד האט געקענט טאן א עבירה וועגן זיין גרויסע אהבת ישראל און דורך דעם איז מען שטענדיג דן יעדן איד לכף זכות ע"כ ספר תפארת שלמה. דער ספר יסוד ושורש העבודה זאגט אין פרק ו' און ז' אז די צוויי מצוות פון וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ און הֱוֵי דָן אֶת כָּל חֲבֵרְךָ לְכַף זְכוּת מוז זיין ביי א איד ווייל אויב ער איז זיי נישט מקיים שטענדיג איז נישט מעגלאך צו דינען דעם אויבערשטן ווי עס דארף צו זיין, קומט אויס אז דער וואס האט אהבת ישראל ער איז אלעמען דַן לְכַף זְכוּת ווייל אויף א גוטער פריינד זעט מען נאר גוטס, מיט דעם איז יעצט גוט פשט אין דעם המשך: לֹא־תֵלֵךְ רָכִיל בְּעַמֶּיךָ: אויב מען וועט דַן זיין יעדן איד לְכַף זְכוּת, וועט מען נישט זיין א רכיל ווייל מען זעט דאך נישט קיין שלעכט'ס ביי אידן וואס זענען אלע דיינע גוטע פריינד. (שמח זבולון)

**ווען מעג מען זיין א רכיל?**

לֹא־תֵלֵךְ רָכִיל בְּעַמֶּיךָ לֹא תַעֲמֹד עַל־דַּם רֵעֶךָ אֲנִי ה': (יט טז) וואס איז די קשר פון לֹא־תֵלֵךְ רָכִיל בְּעַמֶּיךָ און לֹא תַעֲמֹד עַל־דַּם רֵעֶךָ? און וואס מיינט אֲנִי ה'? נאר מיר טרעפן (בראשית כז מב) וַיֻּגַּד לְרִבְקָה אֶת דִּבְרֵי עֵשָׂו דער אויבערשטער האט דערציילט פאר רבקה וואס עשו וויל טאן, דאס קען זיין דעם רמז לֹא־תֵלֵךְ רָכִיל בְּעַמֶּיךָ, אבער ווען עס איז נוגע צו ראטעווען איינעם פון טויט, דעמאלטס איז לֹא תַעֲמֹד עַל־דַּם רֵעֶךָ, און דער ראיה איז אֲנִי ה' וואס האט דערציילט רבקה כדי צו ראטעווען יעקב. (בגדי אהרן)

**זיי מוכיח נאר אויף א עבירה**

הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת־עֲמִיתֶךָ וְלֹא־תִשָּׂא עָלָיו חֵטְא: (י"ט י"ז) צדיקים זאגן אז דער יצר הרע מאכט נייע מצוות און נייע עבירות, צב"ש א מצוה יענעם צו טשעפן, א עבירה צו געבן יענעם געלט! עס איז דא אמאל זאכן וואס איז נישט א עבירה און מען זעט א מענטש פירט זיך נישט ווי דיין מנהג און מיט קנאות ביזטו מקיים דעם הוכח תוכיח, זאגט די תורה וְלֹא־תִשָּׂא עָלָיו חֵטְא מאך נישט דעם מעשה וואס איז נישט א עבירה פאר א חטא, זיי מוכיח נאר ווען יענע טוט א אמת'ע עבירה. (שמח זבולון)

**זיי מוכיח און זיי דן לכף זכות**

לֹא־תִשְׂנָא אֶת־אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת־עֲמִיתֶךָ וְלֹא־תִשָּׂא עָלָיו חֵטְא: (י"ט י"ז) דארף מען פארשטיין וואס איז דער שייכות הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ מיט לֹא־תִשְׂנָא, און וְלֹא־תִשָּׂא עָלָיו חֵטְא? נאר מען קען דאס פארשטיין לויט וואס עס שטייט אין ספרים הקדושים אז עס איז שייך צו מוכיח זיין א מענטש וואס מען האט א ספק אין זיין מעשה צו ער ווייסט אז ער האט געזינדיגט אדער נישט, דעריבער זאל מען מוכיח זיין און זאגן אז ער האט געזינדיגט, אבער אויב מען ווייסט אז דער מענטש האט געטאן די עבירה להכעיס, ביי אים איז נישט שייך צו מוכיח זיין און זאגן מוסר, ווייל ער וועט סיי ווי נישט צוהערן, און וועגן דעם שטייט אין חז"ל אזוי ווי עס איז א מצוה צו זאגן מוסר, איז אויך דא אמאל א מצוה נישט צו זאגן מוסר, יעצט אויב דו וועסט זעהן א מענטש וואס האט געטאהן א עבירה און דו ווייסט נישט צו עס איז במזיד אדער בשוגג, זאלסטו נישט טראכטן אז דו ביזט פטור פון מוכיח זיין ווייל עס איז א מזיד און דיין תוכחה וועט נישט העלפן, זאגט די תורה לֹא־תִשְׂנָא אֶת־אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ און האלטן אז ער איז להכעיס, נאר הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת־עֲמִיתֶךָ, און וְלֹא־תִשָּׂא עָלָיו חֵטְא, אז ער איז א מזיד, נאר ער איז א שוגג ווייל בְּצֶדֶק תִּשְׁפֹּט עֲמִיתֶךָ, הֱוֵי דָן אֶת חֲבֵרְךָ לְכַף זְכוּת. (קול יבשר – קירשבוים)

**א נייע ווינקל - א דרוש אויף די פרשה.**

אִישׁ אִמּוֹ וְאָבִיו תִּירָאוּ וְאֶת־שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ: (יט ג) רש"י ברענגט די גמ' (קידושין דף ל:) אִישׁ אין לי אלא אִישׁ, אשה מנין? כשהוא אומר תִּירָאוּ הרי כאן שנים א"כ מה ת"ל אִישׁ, אִישׁ סיפק בידו לעשות אשה אין סיפק בידה לעשות מפני שרשות אחרים – איר מאן– עליה, אבער נתגרשה – זי האט נישט א מאן– שניהם שוים. פרעגט דער עמק יהושע, הגאון ר' יהושע פאלק, זאל נאר שטיין תִּירָא און איך וואלט אויך געוואוסט אז א אשה איז חייב, ווייל מען וועט דאס ארויסלערנען פון מזוזה, וואס די גמ' (קידושין דף לד.) לערנט אז נשים זענען חייב במזוזה, אפילו עס שטייט לְמַעַן יִרְבּוּ יְמֵיכֶם (דברים יא כא) וואס מיינט לכאורה אז נאר אנשים זענען חייב במזוזה, אבער וויבאלד עס איז דא א סברא אז צודען ווייבער דארפן נישט לעבן, דעריבער זענען זיי אויך מחוייב במזוזה, אויב אזוי דאס זעלבע ביי מורא פון עלטערן וואס דאס איז אויך כיבוד אב ואם, און עס שטייט כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ לְמַעַן יַאֲרִכוּן יָמֶיךָ, איז דאך שוין אויך דא די סברא אז נשים זענען חייב ווייל זיי דארפן אויך לעבן, איז שווער די קשיא פארוואס שטייט תִּירָאוּ? נאך א קשיא: שטייט וְאֶת־שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ, פארוואס שטייט תִּשְׁמֹרוּ און נישט תִּשְׁמֹר? און מען קען נישט ענטפערן אז עס שטייט תִּשְׁמֹרוּ צו לערנען אז סיי נשים און סיי אנשים זענען חייב אין שמירת שבת דעריבער שטייט א לשון רבים! ווייל די גמ' (שבועות כ:) זאגט "נשים חייבות בקידוש היום דבר תורה, דאמר קרא זכור ושמור, כל שישנו בשמירה ישנו בזכירה, והני נשי הואיל ואיתנהו בשמירה איתנהו נמי בזכירה, זעהט מען קלאר אז נשים זענען חייב מיט שמירת שבת איז שווער פארוואס דארף שטיין תִּשְׁמֹרוּ און נישט תִּשְׁמֹר? נאר מען קען דאס ענטפערן ווייל ווען עס וואלט געשטאנען אין פסוק תִּשְׁמֹר, וואלט מען געדרשענט פארקערט, אז נשים זענען פטור פון שמירה, ווייל איך וואלט געדרשענט כל שישנו בזכירה – קידוש היום– ישנו בשמירה, און איך וואלט געזאגט אז נשים זענען פטור פון זכירה ווייל עס איז א מצות עשה שהזמן גרמא, און נשים זענען פטור אויך ביי שמירה, דעריבער שטייט תִּשְׁמֹרוּ, צו זאגן אז נשים זענען יא חייב בשמירה ממילא זענען זיי אויך חייב בזכירה. [אבער לויט דעם איז שווער ווייל תוס' פרעגט זאל מען דרשנען אז נשים זענען פטור פון שמירה און מען זאל דרשנען כל שישנו בזכירה ישנו בשמירה און נשים זאלן זיין פטור פון שמירה, אבער אז עס שטייט תִּשְׁמֹרוּ א לשון רבים איז ע"כ

נשים זענען חייב בשמירה און דער עמק יהושע בלייבט צ"ע.] מיט דעם איז גוט פארוואס שטייט תִּירָאוּ און נישט תִּירָא, צו לערנען אז נשים זענען חייב במורא און מען זאל נישט לערנען פון כיבוד אב ואם וואס שטייט ירבו ימיך וואס דאס איז א לשון פאר זכרים, נאר נשים זענען יא חייב סיי ביי כיבוד און סיי ביי מורא אב ואם ע"כ. [אבער לכאורה איז שווער וויל מיר האבן דאך די סברא פון פריערט ביי מזוזה אז נשים דארפן לעבן ממילא פארוואס זאל מען לערנען פון כיבוד אב אז נאר נשים זענען חייב. קען מען זאגן עפ"י תוס׳ (קידושין דף ל"ד.) ד"ה גברי, וואס איז משמע אז דער סברא פון גברא בעי חיי און נשי לא בעי חיי? איז נאר א אסמכתא ממילא ביי מזוזה האב איך נישט קיין סברא צו ממעט זיין נשים דעריבער נוץ איך דעם סברא אבער וואו עס איז דא א לימוד אדער סברא אנקעגען דעם סברא פון נשי לא בעי חיי נוץ איך נישט דער סברא און נשים זאלן זיין פטור דארטן, המוי"ל] האב איך געזען אז הגאון ר׳ אברהם ב"ר חיים פאלאג"י האט א אנדערע מהלך פארוואס מוז שטיין תִּירָאוּ און נישט תִּירָא, וויל ווען עס וואלט געשטאנען נאר תירא וואלט איך געזאגט אז נשים זענען פטור וויל אין פסוק שטייט איש און איש איז אלעמאל א מיעוט אין חז"ל, וואלט איך געזאגט אז איש איז ממעט א אשה מאיזה טעם שהיא פון מורא, דעריבער דארף שטיין צו זאגן אז איש קומט אויף א אנדערע לימוד וויל סיפק בידו לעשות אבער אשה איז אויך חייב סיי ביי כיבוד און סיי ביי מורא. (שמח זבולון)

הגליון מוקדש לעי"נ רבינו ישעי׳ ב"ר משה מקערעסטיר זיע"א

לזכות יהודה זבולון בן סאשע מאטיל וזוג׳ רבקה בת שרה לישועות

## מדור העובדות

## דער הייליגער ראדזינער האט מיט ריינע אמונה געפראוועט ישועה קענען גייען מיט די פיס

הרה"ק רבי גרשון העניך פון ראדזין זצוק"ל דער בעל התכלת, איז געווען א גרויסער פועל ישועות איינמאל איז געקומען א איד פון רומעני׳ קיין ראדזין און איז אריין אין שול און געגעבן שלום צו א יושב און גיט אים שלום עליכם דער יושב נעמט זיך רעדן אין לערנען און זעט אז דער איד פארשטייט נישט וואס ער רעדט צו אים אבער דער יושב האט געפעלן זיין תמימות און ערליכקייט און האט צו גערופן די יונגע חסידים צו מקרב זיין דעם גאסט און העלפן וואס ער וועט דארפן.

די חסידים האבן זיך געזעצט ארום אים און געפרעגט וואס קען מען אים העלפן האט ער געזאגט אז ער וואוינט אין רומעני׳ און ער האט געמאכט די ווייטע נסיעה וויל ער האט געהערט אז דער רבי פון ראדזין איז א וואונדער ראבינער און העלפט אסאך אידן. און היות ער האט א זון וואס איז שוין 10 יאר אלט און לא עלינו קען נאך נישט גיין מיט זיין פיס, און ער האט אים שוין גענומען צו די גרעסטע דאקטוירים פון זיין געגנט און אפילו אין בוקארעסט איז ער אויך געווען ביי די גרעסטע פראפעסארן, זיי האבן אלעם פראבירט און איך האב זיך געלאזט קאסטן אבער אלע האבן געהויבט הענט און געזאגט זיי זעהען נישט קיין האפענונג און אזוי מוז איך פירן מיין אינגל אין א וועגעלע, דאס איז זייער שווער פאר מיר און א בושה פאר מיין קינד!

האט מען מיר דערציילט אז דא אין ראדזין קען דער רבי מיר העלפן, האבן זיי געזאגט זיי וועלן גיין מיט אים צום רבין און דערציילן וועגן וואס ער איז געקומען און דערוויל וועלן זיי קענען אריינגיין מיט זיי צום רבין און זוכה זיין צו זען די וואונדער פון זייער רבין. זיי האבן געשריבן פאר אים א קוויטל און געזאגט ער זאל דאס איבערגעבן פארן רבין מיט א פדיון נפש און זיי זענען געגאנגען מיט אים און געווארט ביים צימער פון רבין און ווען מען האט געזאגט אז מען קען אריינקומען האבן די יונגע חסידים געהאלפן פירן דעם וועגעלע און אריין אין צימער פון רביןווארטענדיג צו זען וואס וועט זיך דא אפשפילן! דער איד ווען ער האט דערזען דעם צורה פון הייליגן צדיק איז פון רוב תמימות  געפאלן צו זיין פיס פון רוב כבוד און זיך דערנענטערט צום רבין און קושט זיין האנט און נעמט זיך יאמערליך וויינען, דער רבי נעמט זיין קוויטל מיטן פדיון און מיט א ציטערניש הויבט אן צו דערציילן זיין צער און די צער פון זיין קינד וואס קען נישט גיין אויף זיינע פיס, זייענדיג שוין אלט 10 יאר.

דער רבי האט נאך נישט אריינגעקוקט אין קוויטל ווען צו די ערשטוינונג פון די חסידים רופט זיך אן דער צדיק אז אלע זאלן ארויסגיין פון צימער אפילו די גבאים און שמשים און נאר דער טאטע מיטן קינד זאלן בלייבן מיט אים! דאס איז געווען א פלא וויל דאס האט קיינמאל נישט פאסירט אבער אז דער רבי הייסט זענען אלע ארויס פון צימער. די גבאים האבן געהייסן די יונגע חסידים אהיים גיין אבער זיי האבן געטענ׳ט אז זיי האבן געברענגט דעם איד און ווילן ווארטן ווען ער קומט ארויס אים ווייטער העלפן. דער טיר ווערט פארשלאסן און קיינער ווייסט נישט וואס טוט זיך אפ אין צימער. מען ווארט און מען ווארט ביז די טיר עפענט זיך!!!! זייער האַרץ איז צוגאנגען!!!!

זיי האבן שפעטער געהערט אביסל פון טאטן אבער דער סטענציא און מחזה האבן זיי פארפעלט.

זיי ביידע דאנקען דעם רבין פאר די שיינע מתנה און דער אינגעל זאגט פארן רבין אז יעצט וועט ער שוין קענען אהיימגיין מיט זיין אייגענע פיס! האט אים דער רבי געזאגט "אמת, אבער כדי עס זאל נישט שאטן חלילה זאל ער זיך צוריק אריינזעצען אין וועגעלע און ווען ער וועט גיין עטליכע גאסן פון שול קען ער שוין אליין גיין. דער אינגעל האט אזוי געטאן און דער רבי הייסט זיי גיין לחיים ולשלום. אהא!!! די טיר עפענט זיך שוין און די חסידים ווערן געפאלן ביי זיך: דער אינגעל זיצט נאך אין וועגעלע אבער ווען זיי זענען געקומען נענטער האבן זיי שוין באמערקט א אנדערע גייסטיגקייט ביי זיי א פרייד און רוהיגקייט איבער זיי, אבער מען האט גארנישט געזאגט נאר געוואונטשן מיט א רפואה.

דער טאטע דאנקט זיי און פירט דאס קינד אוועק פון די גאסן און דארטן גייט ארויס דאס קינד און גייט נארמאל. די חסידים האבן זיך באהאלטן אונטער זיי שפירענדיג אז א ישועה איז געווען דא און ווען זיי האבן געזען ישועת ה׳ און זיי זענען געלאפן צום טאטן און מיט שמחה ארויס גענומען א פלאש בראנפען מיט מזונות און געבעטן טרינקען א לחיים. דער טאטע האט מסכים געווען און זיי זענען אריין אין א שטוב פון די חסידים און געטרונקען לחיים און געטאנצט א טאנץ מיט שבח והודאה און די שמחה האט זיך דערהויבן צו א שמחה עילאה ווען דער אינגעל איז אריין טאנצן מיט זיי.

מיט התרוממות הנפשות זענען זיי אלע געזעצן מיט ליבשאפט און מען האט געפרעגט דעם טאטן וואס איז געווען ביים רבין? און ער ענטפערט בקיצור אז דער רבי האט געטאן זיינע יחודים און געמאכט מאדענע תנועות און נאכדעם גענומען אויסגיסן זיין האַרץ פארן אויבערשטן א לענגערע צייט מיט פארמאכטע אויגן מיר האבן צו געקוקט די הייליגע עבודה פון צדיק וואס דאס האט אין זיי געברענגט א זיכערקייט אז זיי וועלן ווערן דא געהאלפן און פלוצלונג נאך וואס דער רבי האט געבעטן זיינע תפילות נעמט ער ארויס פון ליידל א פעקל צוקערלאך און מיט א גרויסע שמייכל אויפן פנים האט ער גערופען מיין זון בזה הלשון: "קום אהער טייערע אינגעלע, נעם די צוקערעל!" און מיין זון נישט טראכנדיג הויבט זיך אויף פון וועגעלע און גייט צום רבין און נעמט די צוקערל און מיר האבן אלע געוויינט פון רוב התרגשות!

מען האט זיך אלע געזעגנט און דער סיפור האט זיך גערעשט און צושפרייט שנעל אז דער רבי האט ממש משנה געווען די טבע! דער רבי האט זיך דערוואוסט האט ער גערעדט פאר די חסידים אז דא איז בכלל נישט געווען א מופת! נאר די טאטע מיטן קינד זענען געקומען פון דערווייטנס מיט אזא אמונה פשוטה אז דא גייען זיי געהאלפן ווערן, ווען איך האב דאס געזען אין איך האב בקבלה "אוואו עס איז דא ריינע און א קלארע אמונה, האט די טבע נישט קיין שליטה".  ממילא ווען איך וואלט געלאזט די גבאים און חסידים אין צימער וואס זיי האבן נישט געהאט א ריינע אמונה אז דא וועט זיין א ישועה וואלט איך גארנישט געקענט טאן, אבער אז זיי זענען געבליבן אין צימער א ריינע אמונה איז שוין נישטא קיין טבע האב איך דעמאלטס געקענט מתפלל זיין און דער קינד האט שוין געקענט גיין מיט בלויז אמונה!!!


### הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד- צו פארקויפן -

**ספר תיקוני זוהר באלאנגט צום בני שלישים פון קאסאן מיט פיל הגהות בכת"י פון אים $30000, ספר חורב ערשטטער דרוק מיט הקדשה פון מחבר הגאון מורינו ר׳ שמשון רפאל הירש $5000 הגדה של פסח זיטאמיר גליונות רחבות וכמו חדש $18000** ספר בית אהרן דפוס ראשון בראדי תרל"ה מיט ברייטע גליונות באלאנגט צו משפחה פון הרה"ק ר׳ מרדכי מנאדבורנא $3000, ספר גנזי יוסף תלמיד המגיד דפוס ראשון, ספר אור החכמה דפוס ראשון עם חתימת החסד לאברהם ראדאמסק $18000, גמ׳ זיטאמיר מיט חתימת הרה"ק ר׳ יחיאל מקרילאוויץ בן הרה"ק מזינקוב וגם שייך לגיסו הרה"ק ר׳ נפתלי בהרה"ק ר׳ יהושע מבעלזא $15000, ספר תולדות אהרן דפוס ראשון בארדיטשוב, א זעלטענע שיינע סעט פון חומש היכל הברכה קאמארנא ערשטע דרוק מיט הונדערטער הגהות פון הרה"ג ר׳ יצחק יוסף חזן פון לאסק אויף רש"י און משכיל לדוד מען קען מאכן א ספר פון די הגהות $13000, א תעודה וואס האט א חתימה פון הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר׳ מרדכי ובנו ר׳ אברהם די זוויהעלע רבי"ס זצוק"ל, תהלים אמרות טהורות דפוס זיטאמיר, תהלים דגל והודיה דפוס זיטאמיר, תהלים ע"ט דפוס זיטאמיר, הרבה ספרים מישיבה תת"ל ליובאוויטש ומישיבת מיר שנדפסו בשנגהאי. הרבה ספרי חב"ד שנדפסו לפני המלחמה, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר׳ יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים, ספר שארית ישראל ווילעדניק דפוס ראשון א סגולה אויף שמירה, תהלים בן ביתי סגולה פאר גוטע קינדער און לכל דבר $1500. גרויסע תהלים מיט מעמדות דפוס זיטאמיר $7000, א בריוו פון ר׳ אהרן וואלקין וועגן זיין ספר סביב ליראיו $1800, ספר מגיני שלמה ויניציא תק"א עם חתימת ר׳ פייוויל פלויט תלמיד חתם סופר. ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר׳ יחזקאל מערץ. איבער 10000 ספרים אין געשעפט, מיר ווייסן וואס מיר האבן, און אלעם איז מסודר אין א סדר.**

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA   718 438 8414  718 633 5500 T/f  Hours are 11-7:30  Fri  till 1:30,  To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Thursday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת -- http://ladaat.info/gilyonot.aspx אדער אויף לדעת    ברענגט אריין אייער גוטע ספרים פארוואס זאלט איר באצאלן פאר שֵמות, מיר קענען אפנעמען ביי אייך א גרעסערע קוואנטום